און לויט ווי מען האט גערעדט פריער אז אין תורה גופא איז דער עיקר ענין פון לחם מן השמים שלמע' מהבירורים אין פנימיות התורה, דערפאר איז אויך דאס וואס מען רעדט אז תורה קען ארויסשלעפן פון יעדער מעמד ומצב, איז דאס בעיקר בפנימיות התורה, (וכנ"ל בסעיף ח').

און דאס מיינט ער אין זהר פתח ר"ש, אז ר"ש - מקור פנימיות התורה - האט פותח געווען א נייעם ציגור. אויב מצד דעם ענין המצות וגם לימוד גליא דתורה איז ניט יעדער איינער שייך צו דעם, ווארום אין דעם איז נאך דא הגבלות, איז בשעת אבער עס רעדט זיך וועגן פנימיות התורה, מאור שבתורה, אין דעם איז ניטא קיין הגבלות. און אפילו די אילני סרק, זאלן זיך טובל זיין און איינטונקען אין פנימיות התורה, וואס דאס וועט זיי ארויסשלעפן פון זייער מעמד ומצב, און נאך מערער, צוברענגען זיי צום לפני הוי'.

(וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א:) יעדער ענין איז דאך דא ווי ער איז אין פשטות, איז אין פשטות מיינט אז אפילו די אילני סרק וואס מצד מעמדם ומצבם זיינען זיי פארכמארעט, זאגט מען אויך זיי אז ירננו, זיי זאלן זינגען און פרייען זיך, אַיי מצד וואס? איז דאס אויף ר' שמעון'ס חשבון.

זאגט א פריילעכן ניגון.

יט. אין א שבועות'דיקן פארברענגען האט געזאגט כ"ק מו"ח אדמו"ר אז שבועות איז א יו"ט פון די ראשי ישיבות און רבנים. עכ"ל. און אזוי איז דאך אויך מובן, ווייל זייער ענין איז דאך תורה, ובפרט רבנים וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט "סמיכה", ואעפ"י אז איצטער איז ניטא דער ענין פון סמוכים, פונדעסטוועגן איז די "סמיכה" פון איצטער פארבונדן מיט סמוכים איש מפי איש עד משה רבינו.

זאגט א רבני'שן ניגון צי א ישיבה'שן ניגון.

כ. וועגן דעם ענין פון מ"ת שטייט אין מדרש, אז בנהוג שבעולם אין יעדער מקח, אז איינער איז ניט צופרידן. אדער דער מוכר איז שמח ולוקח עצוב אדער דער לוקח איז שמח ומוכר עצוב. אבער אין מתן תורה שניהם שמחים, סיי דער אויבערשטער און סיי די אידן זיינען ביידע צופרידן. הה"ד כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו.

אין גמרא (שבת פח,ב) שטייט אז בשעת דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה צו אידן, האבן די מלאכים גע'טענה'ט, תנה הודך על השמים, אז מען זאל געבן די תורה צו זיי. האט מען זיי געענטפערט, למצרים ירדתם כו' אב ואם יש לכם כו' יצר הרע יש ביניכם.

איז מבאר דער ט"ך בפירושו על התורה, אז די טענה פון די מלאכים איז געווען מצד דינא דבר מיצרא. דער דין איז דאך אז בשעת איינער פארקייפט א קרקע, איז מצד ועשית הישר והטוב, דארף ער דאס פארקייפן צו דעם וועלכער ער געפינט זיך בסמיכות צו דער קרקע און ניט צו אן אנדערן. און דאס איז א דין ניט נאר אין לכתחילה, נאר אויך בדיעבד, אויב ער האט עס פארקייפט צו אן אנדערן, איז דער דין אז די מכירה גיט זיך איבער צו דעם בר מיצרא. ניט די מכירה ווערט בטל נאר די מכירה גייט איבער פון דעם לוקח צו דעם בר מיצרא. און דאס

דאס איז געווען די טענת המלאכים, אזוי ווי אידן געפינען זיך דאך למטה און די מלאכים געפינען זיך למעלה, זיינען זיי דאך נעענטער צום אויבערשטן מיט זיין תורה, דערפאר האבן זיי אויף דער תורה א דין פון בר מיצרא. און דערפאר האבן זיי גע׳טענה׳ט, אז אפילו נאך דעם וואס מען האט שוין געגעבן די תורה צו אידן, פונדעסטוועגן - האבן זיי גע׳טענה׳ט - אז מען זאל אונעמען ח"ו די תורה פון אידן און אפגעבן זיי.

נאר דער ענטפער אויף זייער טענה, איז מבאר דער ט"ך, וואדום משה איז געווען איש האלקים, איז ער אויך נאענט צום אויבערשטן, במילא האבן זיי ניט קיין זכות אויף דער תורה מערער ווי משה רבינו.

אבער דעם ט"ך׳ס תירוץ איז ניט מובן מצד צוויי טעמים:

א) דער ענטפער וואס מען האט געענטפערט צו די מלאכים, ווי עס שטייט אין גמרא, איז ׳למצרים ירדתם כו׳ יצה"ר יש ביניכם. ולפי דברי הש"ך האט מען זיי געדארפט ענטפערן אן אנדער תירוץ? נאך מערער - דער ענטפער וואס מען האט זיי געענטפערט איז גאר א ענין הפכי פון דעם וואס מען האט זיי געדארפט ענטפערן, ווארום זייער גאנצע טענה איז געווען מצד דעם וואס זיי זיינען רוחניים האבן זיי מער א שייכות צו תורה, איז אויף דעם האט מען זיי געדארפט ענטפערן אז משה רבינו האט אויך א שייכות צו רוחניות, און דער ענטפער וואס מען האט זיי געענטפערט איז געווען אז פארוואס האט מען געגעבן די תורה צו אידן און ניט צו זיי, ווייל ביי זיי איז ניטא קיין יצר הרע וכו׳ משא"כ בא אידן, ד.ה. אז פארוואס גיט מען די תורה צו אידן דוקא איז ניט מצד זייער רוחניות נאר מצד זייער גשמיות?

ב) גם גוף תירוצו של הש"ך אינו מובן, ווארום די תורה האט מען געגעבן ניט נאר צו משה רבינו אליין נאר צו אלע אידן, וכדאיתא במדרש אז פלפולא דאורייתא האט מען געגעבן צו משה׳ן אבער שאר התורה האט מען געגעבן לכל ישראל, ובמילא איז דאך דער ענטפער פון דעם ש"ך א ענטפער נאר אויף דעם חלק פון פלפולא דאורייתא אבער ניט אויף די גאנצע תורה?

מוז מען דאך געפינען אן אנדער טעם מיט וואס צו ענטפערן טענת המלאכים.

כא. ויש לומר, שהדין דטענת בר מיצרא הוא בקרקע דוקא ולא במטלטלין. ומכיון שהתורה היא מטלטל ממקום למקום, לכן אין שייך בה דינא דבר מיצרא.

אמנם, לבד שאין זה טעם דאיתא בגמרא, הנה יש לדחות גם גוף הטעם. שהרי טעם ההפרש בין קרקע למטלטלין הוא שבקרקע יכול הבר מיצרא לטעון שקרקע זו נוחה לו יותר משארי קרקעות לפי שהיא סמוכה לשדותיו, משא"כ במטלטלין יכול לקנות לו מטלטלין במקום אחר. ולפי"ז, הרי בענין מ"ת לא שייך טעם זה. שהרי בנתינת התורה לישראל למטה, הרי בזה עצמו לקחו אותה המלאכים וכמ"ש לא בשמים היא, וא"כ אף שהתורה מטלטל היא, מ"מ אי אפשר לומר שהמלאכים יוכלו לקנותה במקום אחר, שהרי לא בשמים היא, ובמילא שייך בזה לכאורה טענת בר מיצרא.

כב. עוד יש לומר, שהדין דטענת בר מיצרא הוא במכירה דוקא ולא במתנה כמבואר בשו"ע (חו"מ קעה,נד). והטעם לפי שכל הנותן מתנה הוא משום

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

משום דעביד (המקבל) נייחא לנפשי' ולכן יכול לטעון טובה לתת המתנה אליו דוקא. דסברא זו היא בין מצד הנותן ובין מצד המקבל (אין זוכרים בבירור ההסבר שנתבאר בזה, ואולי נתבאר כמ"ש שם בסמ"ע). ולפי"ז לא שייך בתורה דינא דבר מיצרא, לפי שהתורה ניתנה לישראל במתנה, וכמו שאומרים הלשון מתן תורה.

אמנם גם טעם זה לבד שאינו מבואר בגמרא, יש לדחות גם גוף הטעם. שהרי בתורה יש ג' חלקים: א) ירושה כמ"ש תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב. ב) מכירה, כלשון מדרש הנ"ל שהמוכר והלוקח שניהם שמחים. ג) מתנה כהלשון מתן תורה.

- וביאור ג' ענינים אלו מבואר במ"א, אשר ענין הירושה שבתורה הוא מה שכל ישראל יש להם מצד עצם נשמתם אות בתורה, שזהו ר"ת ישראל, יש ששים רבוא אותיות לתורה. וענין זה אינו תלוי בעבודה ויגיעה כלל כ"א הוא מצד עצם הנשמה ובא בירושה. וענין המכירה שבתורה הוא השגת התורה שבאה ע"י יגיעה דוקא, דזהו"ע מכירה, שאינה באה בחנם כ"א בבחינת מעות דוקא, וברוחניות הו"ע היגיעה. וענין המתנה שבתורה הוא אשר ע"י עבודתו ויגיעתו נותנים לו מלמעלה הרבה יותר מכפי ערך יגיעתו.

דזהו ההפרש בין מתנה לירושה, דבירושה א"צ שום עבודה מצד היורש משא"כ במתנה שצריך לזה עבודה, וכנ"ל דאי לאו דעביד לי' נייחא לנפשי' לא הוה יהיב לי' מתנתא, הרי שצריך עבודה דוקא, אלא שהבחינה אינה תשלומין על עבודתו, וכמו במכר שהמכירה היא תמורת וכפי (אופן) ערך עבודתו, כי אם, שנותנים לו בדרך מתנה הרבה יותר מכפי יגיעתו -

ולפי"ז, הרי טעם הנ"ל אינו מספיק, לפי שטעם זה הוא רק על חלק המתנה וגם על חלק הירושה שבתורה, אבל לא על חלק המכירה שבתורה.

כג. ויש לומר עוד טעם, לפי שהדין דבר מיצרא הוא דוקא כאשר הוא סמוך להשדה בלי שום הפסק, או גם כשיש הפסק העשוי להתבטל, אבל הפסק שאינו עשוי להתבטל וכמו ריכבא דדיקלא ושן הסלע, אז אינו שייך לדינא דבר מיצרא. והטעם הוא, לפי שכל הטענה דבר מיצרא הוא ששדה זו סמוכה לשדותיו ולכן נוחה לו יותר, אבל כשיש הפסק, בטלה טענתו.

ועפי"ז יש לומר, דמכיון שהמלאכים מקומם הוא ברקיע החמישי הנק' מעון (חגיגה יב,ב) והקב"ה (ותורתו) הוא למעלה מרקיע השביעי כמ"ש רוכב ערבות, א"כ יש הפסק גדול, ולכן בטל הדין דבר מיצרא.

אמנם גם טענה זו אינה מבוארת בגמ' וגם יש לדחותה. והוא לפי שאם היו נותנים את התורה להמלאכים הי' מתבטל במילא ההפסק שבינם להקב"ה. וכמו בנתינת התורה לישראל למטה הרי במ"ת נאמר אנכי ר"ת אנא נפשי כתבית יהבית, אשר עצמו"ה ית' נתן עצמו בהתורה, וכמאמר אותי אתם לוקחים, כך גם אם היו נותנים את התורה להמלאכים, הי' מתבטל ההפסק, ובהפסק העשוי להתבטל אמרינן דינא דבר מיצרא.

כד. אמנם הטעם האמיתי עי"ל בזה, ואפשר לישבו גם בדברי הגמרא, הוא, שהדין דבר מיצרא הוא דוקא כאשר שניהם שוים, אבל כאשר הלוקח רוצה

הנחה בלתי מוגה

רוצה לבנות בנין על הקרקע והדומה, והבר מיצרא אינו רוצה בכך, אז מסלקין להבר מיצרא משום תיקון העולם.

ועפי"ז יש לבאר הטעם מה שנתנו התורה לישראל דוקא, לפי שתכלית בריאת כל ההשתלשלות הוא שנתאוה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים, וע"י התחתונים דוקא פועלים בכל ההשתל', גם בעולמות העליונים, שיהיו דירה לו ית', שהכל נעשה ע"י עבודת התחתונים דוקא.

וכידוע (תו"א ד,א) המשל ע"ז, דכשצריכים להגביה איזה דבר ע"י כלי הנק' ליוועך צריכים לאחוז בחלקים התחתונים שבו דוקא כמו בהגבהת כותלי בית שצריכים להתחיל להגביה הקורה התחתון דוקא ואז ממילא יוגבהו גם העליונים הימנו, משא"כ אם הי' מתחיל מאמצע הכותל לא הי' מגביה התחתונים. הרי מובן הטעם מה שהוצרכו לתת את התורה למטה.

וזה אי אפשר לטעון שהי' אפשר לתת את התורה להמלאכים ואשר המלאכים ירדו למטה, לפי שהמלאכים אינם בעלי בחירה וכשיורדים למטה נעשה בהם נפילה כידוע בענין והנפילים היו בארץ, ורק ישראל דוקא ביכולתם להיות למטה ולעמוד כנגד כל ההעלמות והסתרים ולנצחם ולעשות מהם גופא דירה לו ית'.

כה. ובזה יבואר דברי הגמרא, שהמלאכים טענו תנה הודך על השמים, מצד דינא דבר מיצרא. והגם שבתורה כבר נאמר דבר אל בנ"י, צו את בני ישראל, מ"מ טענו שיקחו ח"ו את התורה ויתנוה להם, שהרי בדינא דבר מיצרא הוא שאין המכירה מתבטלת כ"א שמפקיעין מהלוקח ונותנים אותה להבר מיצרא. ומאחר שהקב"ה מקיים את כל דיני התורה כמרז"ל ע"פ מגיד דבריו ליעקב, מה שהוא מצוה לישראל לעשות הוא עושה בעצמו, לכן טענו שיקחו ח"ו את התורה מישראל ויתנוה להם.

וע"ז השיבו להם, דמאחר אשר ענין התורה הוא בשביל לעשות דירה לו ית', שהוא קיום העולם, כמאמר קוב"ה אסתכל באורייתא וברא עלמא, אוף הכי בר נש עסיק באורייתא וקאים עלמא. וזה נעשה ע"י ישראל דוקא ולא ע"י המלאכים כנ"ל.

וזה מרומז בדברי הגמרא, למצרים ירדתם כו' יצה"ר יש ביניכם כו' אב ואם יש לכם כו', דתכלית ענין התורה הוא שעל ידה יהי' המשכת העצמות, וכנ"ל שע"י התורה אותי אתם לוקחים, דזהו"ע אב ואם כו' שענין ההולדה הוא שמוליד בדומה לו, בדומה להעצמות כביכול, וענין זה אפשר להיות ע"י נשמות ישראל למטה דוקא, שנמצאים במצרים וההגבלות דעוה"ז, ויש להם יצה"ר ומ"מ לוחמים כנגדו ולומדים תורה בביטול, הנה ע"ז פועלים ענין ההולדה שמולידים בדומה להעצמות בביכול, שעושים מכל הדברים התחתונים, וע"י גם מהעליונים, דירה לעצמו"ה ית'.

כו. אזוי ווי מארגן וועט זיין אי"ה א כינוס וואס מען וועט זיך צונויפקלייבן און רעדן אין תורה, איז דעם ענין וואס מען האט גערעדט, דאס וועט זיין אלעס מיין השתתפות אין דעם. מען קען דאס אננעמען אלעס נגלה און מען קען דאס אננעמען אלעס חסידות. ופשיטא, אז אין דעם כינוס וועט זיך אנהערן דער ענין פון תורה <u>תמימה</u>, ד.ה. אז הגם מען וועט דאך רעדן אין ענינים פון גליא דתורה, וועט דאס אבער

<u>הנחה בלתי מוגה</u>